# חנוכּה-געלט

פֿון שלום עליכם, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער „פֿאָרווערטס״, ניו-יאָרק, 1944

(איבערגעזעצט אויף כּלל ייִדיש פֿון ד. גורעוויטשן
רעדאַקטירט פֿון ד״ר דזשעניפֿער דאַולינגען)

## ח.

— אנו, מאָטל, לאָמיר זיך קאָרשט נעמען צו דער אַרבעט, אויסרעכענען, וויפֿל האָבן מיר אונדזער אייגענעם חנוכּה-געלט? נאָר דו ווייסט וואָס? דו שווײַג; פֿריער וויל איך איבערציילן מײַנס, נאָכדעם ציילן דײַנס.

און איך צייל: „אַ קערבל מיט דרײַ צוואַנציקער, מיט פֿיר גילדנס, מיט פֿינף גריוונײעס, מיט זעקס פֿיטאַקלעך, —וויפֿל מאַכט דאָס אינאיינעם? אַפֿנים אַזוי גרויס, ווי אַ קערבל מיט דרײַ צוואַנציקער, מיט פֿיר גילדנס, מיט פֿינף גריוונײעס מיט זעקס פֿיטאַקלעך...״

מײַן ברודער מאָטל וויל נישט וואַרטן ביז איך וועל ענדיקן מײַן חשבון, און ער נעמט זיך צו זײַנע קאַפּיטאַלען; ער לייגט פֿון איין האַנט אין דער אַנדערער און ציילט:

— אַ צוואַנציקער און אַ צוואַנציקער איז צוויי צוואַנציקער, און נאָך צוואַנציקער איז דרײַ צוואַנציקער מיט צוויי גילדנס און אַ גריוונײע און נאָך אַ גריוונײע — איז אינאיינעם צוויי צוואַנציקער מיט דרײַ גילדנס, מיין איך דרײַ גילדנס מיט צוויי צוואַנציקער. טפֿו! וואָס רעד איך? מע באַדאַרף אָנהייבן נאָך אַ מאָל פֿונעם אָנהייב!

און ער הייבט אָן נאָך אַ מאָל פֿונעם אָנהייב. מיר ציילן און ציילן און קענען ניט איבערציילן; מיר רעכענען און רעכענען און קענען ניט אויסרעכענען. און אַז עס קומט צו פֿעטער משה-אַהרנס אַלטע פּיטאַקעס, שווערע זעקסערס, אָפּגעריבענע דרײַערס און אָנגעשוואָלענע גראָשנס, פֿאַרפּלאָנטן מיר זיך אַזוי שטאַרק אין חשבון, אַז מיר ווייסן גאָר ניט ווו מיר זײַנען אין דער וועלט. מיר פּרוּוון זיך אויסבײַטן די דאָזיקע מטבעות בײַ דער מאַמען, בײַם טאַטן, בײַ בריינע די קעכין — עס גייט ניט: קיינער וויל זיי ניט נעמען אין האַנט אַרײַן!

— וואָס איז דאָס פֿון פּיטאַקעס? ווער האָט דאָס אײַך אַרײַנגערוקט אַזאַ געלט?

מיר שעמען זיך אויסזאָגן און מאַכן אַ שווײַג.

— ווייסטו גאָר וואָס? — זאָגט צו מיר מײַן ברודער מאָטל, — לאָמיר זיי נעמען און אַרײַנוואַרפֿן אין אויוון אַרײַן, אָדער גאָר אין דרויסן אויפֿן שניי, קיינער זאָל ניט זען.

— אַ חכם אַ ייִד! — זאָג איך צו אים. — שוין גלײַכער, דאַכט זיך, אַוועקשענקען זײ איין אָרעמאַן.

נאָר, ווי אויף צו להכעיס, קומט ניט קיין אָרעמאַן! וווּ זײַנען אַהינגעקומען אַלע אָרעמע-לײַט, וואָס רײַסן בײַ די פּאָלעס, דינגען זיך, זידלען זיך און שעלטן? ניין, דאָס וואָס מע באַדאַרף וועט קיינמאָל ניט קומען! קיינמאָל ניט! קיינמאָל ניט!...